בס"ד

# אַ בליק

## אין תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים

בנשיאות מורינו הראש ישיבה שליט"א

תלמוד תורה
**היכל הקודש**
ברסלב - ירושלים
מיסודו של כ"ק מוהרא"ש זי"ע
**בנשיאות מורינו הראש ישיבה שליט"א**
**פרשת בשלח תשפ"ב**

## נייעס אין תלמוד תורה

**א נייע שיינע פלאץ פאר די חדר**

די וואך – די צוויטע וואך פון תלמוד תורה האבן אונז זיך ברוך ה' אריבערגעצויגן צו א נייע פראכטפולע פלאץ ווי עס פאסט צו זיין אזא הייליגע תלמוד תורה, די נייע פלאץ איז צוגעשטעלט געווארן דורך אונזער געטרייער חבר ר' שמעון עוזר פערל נ"י מגבאי בית מדרשינו אין ירושלים וואס איז באוואוסט מיט זיין ברייטע און גוטע הארץ לכל דבר שבקדושה, די קינדער פון חדר זענען געווארן זייער פרייליך זעענדיג די נייע פלאץ, זיי האבן אלע געדאנקט און געלויבט פארן אייבערשטן אויף די גוטע פלאץ,

דער אייבערשטער זאל העלפן די פלאץ זאל גוט אויסגענוצט ווערן צו אריינברענגען אין אונזערע טייערע קינדער די הייליגע לימודים פונעם ראש ישיבה שליט"א

**באזוך פון חברי הנהלה אין תלמוד תורה**

די וואך האבן אונז געהאט די זכיה אויפצונעמען זייער חשוב'ע געסט – חברי הנהלה פון קרית ברסלב וואס האבן געקומען פאר א קורצע באזוך אין די מוסדות אין ירושלים, די חברי הנהלה האבן זייער באוואונדערט די גוטע אטמאספער וואס סאיז דא אין תלמוד תורה, די פרייליכע זיסע פנימ'ער פון די קינדער און די איבערגעגעבנקייט פון דער טייערער געטרייער מלמד שליט"א, אזוי אויך האבן זיי איבערגעגעבן וויכטיגע ידיעות און עצות פאר די הנהלה אין ירושלים ווי אזוי צו פירן די מוסדות.

## פארציילט די וואך

**גם זו לטובה**

די וואך האט דער מלמד דערציילט פאר די טייערע קינדער די מעשה פון נחום איש גמזו, און ארויסגעברענגט פאר די קינדער ווי שיין איז זיך צו פירן מיט די גוטע מידה פון דאנקען אלעמאל דעם אייבערשטן, און גלייבן אז אלעס איז צום גוטן, למשל ווען מ'וויל זיך שפילן און עפעס גייט נישט אדער עפעס צוברעכט זיך - נישט ווערן אין כעס און ברוגז, נאר עס אננעמען און גלייבן אז אויב דער אייבערשטער האט אזוי געטון א סימן אזוי דארף זיין

אויף מארגן האט מען שוין צוריק געהערט פון די עלטערן ווי שיין די קינדער נוצן עס אויף למעשה, ווי שיין זיי זענען זיך מוותר איינער דעם אנדערן און זאגן אויף אלעס גם זו לטובה,

ס'איז געווען שיין צו באמערקן במשך די וואך ווי מענטשן גייען דורך די גאס פונעם חדר און בלייבן שטיין ווי צוגעקלעבט צום ערד זיך איינהערן ווי דער מלמד לייגט אריין אין די קינדער די הייליגע תורה מיט אזא מין מתיקות און תמימות, מענטשן זענען געוו ואוינט צו הערן ווי מ'שרייט אויף קינדער און ווי קינדער וויינען, און דא הערט מען ווי מ'באציט זיך אזוי שיין צו די קינדער.

**פרנס השבוע**

די הוצאות התלמוד תורה פון די וואך איז נתנדב געווארן דורך חברינו היקר מוה"ר **מרדכי אהרן הײלפערן** הי"ו חבר הנהלה קרית ברסלב **ומשפחתו** דער אייבישטער זאל זיי באצאלן מיט אלעס גוטס

בברכה: הנהלת המוסדות ירושלים

## געלערנט די וואך

**קריעת ים סוף – שבת שירה**

די וואך האבן מיר גאר שיין פארציילט פאר די קינדער איבער די גרויסע ניסים וואס דער אייבערשטער האט געמאכט ביי קריעת ים סוף, איבער די נס אז דער אייבערשטער האט ארום גענומען די אידן מיט די ענני הכבוד און אלע פיילן און שטיינער וואס די מצרים האבן געווארפן האבן נישט געקענט דערגרייכן, און די אידן האבן געשריגן צום אייבערשטן ער זאל זיי העלפן,

נאך האבן מיר פארציילט איבער די שירה וואס די אידן האבן געזונגען פארן אייבערשטן פון גרויס דאנקבארקייט און אז דערפאר הייסט די שבת 'שבת שירה'

דערנאך האבן מיר געלערנט מיט די קינדער די שירה – עברי מיט טייטש מיטן באקאנטן ניגון, די קינדער האבן ב"ה גאר גוט געקענט,

אויך האבן מיר דערציילט איבער די מן וואס דער אייבערשטער האט געשיקט פאר די אידן אין מדבר מיר האבן ארויס געברענקט אז משה רבינו האט געבעטן דער אייבערשטער און דער אייבערשטער האט אראפ געלאזט פון הימל מן, מיר האבן ארויס געברענגט די מידה פון הכרת הטוב און זיין צופרידן מיט וואס מען האט און אלץ זאגן ש'כח ווען איינער געבט עפעס,

מיר האבן אויך פארציילט וועגן דתן ואבירם אז זיי האבן געוואלט קריגן אויף צדיקים זיי האבן געוואלט חויזק מאכן פון משה רבינו זיי האבן געלייגט די מן שבת און ביים ענדע זענען די פייגלעך געקומען און אלעס אויפגעגעסן דערפאר געב ט מען די שבת עסן פאר די פייגלעך, מיר האבן ערקלערט פאר די קינדער אז עס איז א גרויסע סכנה צו קריגן אויף א צדיק און ביים סוף איז זייער ביטער

דער אייבערשטער זאל העלפן אז די לימודים זאל אריין גיין און די הערצער פון די קינדער און זיי זאלן אויס וואקסן ערליכע אידן.

## מעשיות פון תפילה

**ש'כח אייבערשטער אז אין אונזער חדר געבט מען אריין אין די קינדער פון יונגערהייט די הייליגע עצות פונעם רבין און בפרט די עצה פון רעדן צום אייבערשטן, אלע קינדער אין חדר גוואוינען זיך צו אז יעדע זאך וואס זיי דארפן בעטן זיי פונעם אייבערשטן בתמימות ובפשיטות**

---

**אלע קינדער פון חדר** האבן געבעטן פארן אייבערשטן אז ס'זאל זיין געהעריגע טישלעך מיט בענקלעך פאר די קינדער אין חדר, און ש'כח אייבערשט-ער אז איינער פון אנשי שלומינו איז אנגעקומען איין טאג מיט נייע טישלעך און בענקלעך פאר די טייערע קינדער פון חדר.

**אלע קינדער פון חדר** האבן געבעטן דעם אייבערשטן אז מ'זאל האבן בייקס זיך צו שפילן אין חצר פון תלמוד תורה, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז איין טאג איז אנגעקומען א צוויטער פון אנשי שלמינו און אנגעברענגט שיינע נייע בייקס פאר די קינדער פון חדר

**מוטי פאפנהיים** – איך האב געהאט א שבת אויפרוף פון מיין מומע, מ'האט געטיילט אייס קרים ביי די סעודה און איך האב נישט באקומען, האב איך געבעטן פאר דעם אייבערשטן איך זאל באקומען אייס קרים און ש'כח אייבערשטער מ'האט מיר געגעבן אייס קרים.

**רפאלי פאפנהיים** – איך האב פארלוירן א מענטשעלע פון די לעגאו אין חדר, איך האב געבעטן פאר דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן, און ש'כח אייבערשטער איך האב עס געטראפן.